UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Alfred Keyzin – Nyu-Yorker Yidisher Kritiker ((Alfred Kazan – New York Jewish Critic)

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9t41h3qf

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

## Author
Gutman (Goodman), Shaul (Saul)

## Publication Date
1979

## Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# שרייבערס און ביכער

שאול גוטמאַן / ניו־יאָרק

## אַלפרעד קייזין — ניו־יאָרקער יידישער קריטיקער

I

עס איז נישט נייטיק צו באַווייזן אַז יידישע שרייבערס — נאָוועליסטן, פּאָעטן, דראַמאַטורגן און עסייאיסטן — פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור; עס איז אַלעמען באַקאַנט. ס'איזאויך באַוווסט אַז אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיק פאַרנעמען יידן אַ צענטראַלע פּאָזיציע, און צווישן די דאָזיקע קריטיקערס איז אַלפרעד קייזין איינער פון די אָנגעזעענסטע. שוין עטלעכע צענדליק יאָר אַז קייזין איז אַ וויכטיקע פיגור אין אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלן לעבן, און אין דער ליטעראַטור. איצט איז דערשינען זיין דריט אויטאָביאָגראַפיש בוך: „אַ ניויאָרקער ייד. *)

קייזין וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין 1915 אין ברוקלין, ווערט פון אַ סך אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן באַטראַכט ווי דער יורש פון פּראָמינענטסטן אַמעריקאַנער קריטיקער, עדמונד ווילסאָן. ער שמט מיט זיין אייגנאַרטיקן סטיל, און זיינע סענסיטיווע אַריינבליקן און אָפּשאַצונגען פון דיכטער און פּראָזאַיקער.

ווען ער איז אַלט געווען בלויז 27 יאָר איז ער באַרימט געוואָרן מיט זיין ערשט בוך: „אויפן היימישן באָדן" („אָן נייטיוו גראַונדס") — אַ קריטישע געשיכטע פון די וויכטיקסטע אַמעריקאַנער שריפטשטעלערס פון 1890 ביז 1940. שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער איבער ליטעראַטור און צוויי בענדער אויטאָביאָגראַפיע — „אַ גייער אין שטאָט" (1951) און „אָנהייבנדיק אין די דרייסיקער" (1962) — ביכער וואָס זיינען שטאַרק געלויבט געוואָרן.

ער האָט אַלע מאָל אָפן אַפירמירט זיין יידישקייט, און נאָך שטאַרקער קומט עס צום אויסדרוק אין זיין איצטיק בוך, וואָס שוין דער טיטל זיינער — „אַ ניו־יאָרקער ייד" — איז אַרויסרופעריש, באַטאָנענדיק זיין ניו־יאָרקישקייט און יידישקייט, נאַטירלעך און אויפריכטיק, אָן אַפּאָלאָגעטיק. ער דערקלערט בפירוש מיט אַ געפיל פון שטאָלץ: „מיר יידן האָבן פאַרקערפּערט אַ שול פון דערפאַרונג; מיר זיינען געווען אין צענטער פון דער בינע ביי אַלע גרויסע אינטעלעקטועלע דראַמעס און פּאָליטישע טראַומעס פון היינטיקן יאָרהונדערט." איז דעריבער אינטערעסאַנט צו זען ווי האָט אָט דער גייסטרייכער, מוטיקער, אָבער שפּראַכלעך־אַסימילירטער ייד רעאַגירט אויף דעם דריטן חורבן אונדזערן און ווי ער איז באַווירקט געוואָרן פון די טראַגישע געשעענישן אין דער יידישער וועלט במשך דער ערשטער העלפט פון היינטיקן יאָרהונדערט.

אין זיין פריערדיק אויטאָביאָגראַפיש בוך: „אַ גייער אין שטאָט" האָט קייזין אויסגעדריקט זיין עמאָציאָנעלע פאַרבונדנקייט מיט דער וועלט פון זיין קינדהייט. ער דערציילט אונדז דאָרטן אַז יעדער מאָל ווען ער פאָרט צוריק קיין בראָנזוויל, וווּ ער איז געבאָרן געוואָרן און אויפגעוואַקסן פילט ער ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט אַוועק פון דאָרטן. ווען ער גייט אַראָפּ פון דער סאָבווי אויף ראַקעווי עוועניו, אין ברוקלין און ער דערשפּירט דעם געשטאַנק פון וואַשצימער, די זויערע אוגערקעס לעבן דער סאָבווי, באַפאַלט אים אַ געוואַלדיקער צאָרן געמישט מיט פּחד און

*) *A New York Jew, by Alfred Kazin. Alfred A. Knopf; N. Y. 1978 — 307 pp.*

צאַרטקייט: „איך בין צוריק ווו איך האָב אָנגעהויבן. איך בענק נאָך די אַלע אָפּגעלאָזענע הילצערנע הייזלעך וואָס זיינען אויפגעקומען מיט זייער געשטאַנק פון פייכטקייט, און וועלכע עס זיינען אויפגעוואַקסן ווער ווייסט וויפיל לערערס, חשבון־פירערס (אַקאַונטענטס), ראַביים, קענסער־ספּעציאַליסטן, פונקציאָנערן פון דער רעוואָלוציע, און אונטערוועלט־מענטשן."

דאָרט, אין דעם זעלביקן בוך, דערציילט ער וועגן זיין צוגעבונדקייט צום יידישן פאָלק, און אַז ס'איז פאַר אים געווען אומדענקבאַר זיך אָפּצוזונדערן און צו פאַרליקענען דעם פאַקט אַז ער איז אַ ייד: „איך האָב געהערט וועגן יידן וואָס האָבן פּרעטענדירט אַז זיי זיינען נישט קיין יידן, אָבער איך האָב זיי נישט געקענט פאַרשטיין. מיר האָבן אַלע אַזוי לאַנג געלעבט צוזאַמען, אַז מיר וואָלטן נישט געוווּסט ווי זיך אָפּצוזונדערן איינער פון אַנדערן, אַפילו ווען מיר וואָלטן עס געוואָלט. דאָס שרעקלעכסטע וואָרט איז געווען אַליין."

פאַר אַ געוויסער צייט איז קייזין געוואָרן דערווייטערט פון זיין אַמאָליקער סביבה, אָבער פון צייט צו צייט כאַפּט זיך אויף אין אים דער יידישער באַוווּסטזיין. ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געווען אין לאָנדאָן, אין גאַס, — דערציילט ער אונדז אין דעם לעצטן בוך — האָט ער דערהערט אויף דער ראַדיאָ ווי אַ גרופּע געראַטעוועטע יידן פון די נאַצי־לאַגערן זיינען מתפּלל, גיסט ער זיך צוזאַמען מיט זייערע איבערלעבונגען; אין דרויסן, אין רעגן, איז ער אַ וויינענדיקער מתפּלל מיט זיי, און ער איז „ווידער געווען אין דער היים."

## II

זיין אויטאָביאָגראַפיע אין איצטיקן בוך הייבט קייזין אָן אין 1940, דאָרט ווו די פריערדיקע צוויי ביכער האָבן זיך געענדיקט. ער דערציילט דאָ וועגן זיינע ליבעס און היראַטן, און ער גיט אונדז אַן אַריינבליק אין דער וועלט פון די ניו־יאָרקער אינטעלעקטועלע און ליטעראַרישע קריזן. ער צייכנט אָן גאָר לעבעדיק, בעלעטריסטיש, די קאָלירפולע פּאַנאָראַמע פון דער ניו־יאָרקער וועסט־סייד, ווו עס וווינען אַ סך יידישע פּראָפעסיאָנאַלן און אינטעלעקטואַלן. מיר באַקענען זיך מיט זייערע האָווענישן, בענקענישן און אַנטוישונגען אין קאָמוניסטישן משיחיזם. די מעקאַרטי־עפּאָכע מיט איר היסטעריע קעגן ראַדיקאַלן און ליבעראַלן שטייט אויף לעבעדיק פאַר אונדז. און קייזין גרענעצט זיך שאַרף אָפּ סיי פון די קאָמוניסטן סיי פון די געוועזענע־קאָמוניסטן וואָס ווערן מעקאַרטיס אַרויסהעלפער. די רעוואָלוציאָנערע זעכציקער יאָרן מיט זייער ניהיליסטישן איינשטעל בנוגע אַלע אָנגענומענע ווערטן ווערן דאָ רעזומירט — אַ דעקאַדע ווען די יוגנט איז געוואָרן אַנטי־ליטעראַטור, אַנטי־ביכער, אַנטי־פאַמיליע, אַנטי־זעלבסט־דיסציפּלין; ווען קייזינס אייגענער זון האָט געקוקט אויפן טאַטן מיט פאַראַכטונג.

אפשר די סאַמע אָריגינעלסטע און ווערטפולסטע קאַפּיטלעך אין בוך זיינען יענע ווו דער מחבר סקיצירט אויף זיין סוביעקטיוו־אימפּרעסיאָניסטישן אופן די פּראָפילן פון אַ ריי אַמעריקאַנער געלערנטע און קינסטלערס: עדמאָנד ווילסאָן, לייאָנעל טרילינג, סאָול בעלאָו, ט. ס. עליאָט, דעלמאַר שוואַרץ, ראָבערט פּראָסט, האַנאַ אַרענדט, און נאָך אַנדערע. ער קאָמענטירט טרעפלעך און עלאָקווענט וועגן ליטעראַרישע מאָדעס און אויפטואונגען אין די פערציקער, פופציקער און זעכציקער יאָרן, אין שייכות מיט די אַמעריקאַנער פּאָליטישע ברוזונגען פון יענער צייט. מיר באַקענען זיך מיט זיינע איינדרוקן פון לאָנדאָן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט איטאַליע, דייטשלאַנד און ישראל. אויף די אַלע אינטערעסאַנטע מאָמענטן אין בוך וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט קענען אָפּשטעלן. אונדז אינטערעסירט, קודם כל, אויף וויפיל דער קריטיקער איז געוואָרן נענטער באַהאָפטן מיטן גורל און קולטור פון זיין פאָלק, און ווי שפּיגלט זיך אונדזער טראַגישע עפּאָכע אָפּ אין דעם בוך.

און ווייל די דאָזיקע גרויליקע תקופה פאַרנעמט אַ צענטראַלע פּאָזיציע אין קייזינס אויטאָביאָגראַפיע, דערפאַר איז עס אַן עכט יידיש בוך; דער דריטער חורבן פון 1945-1939 געפינט דאָ, ביי דעם

ניו־יאָרקער יידישן קריטיקער אַ טיפֿן אָפּקלאַנג. ער רעאַגירט שאַרף אויף דער גלייכגילטיקייט מצד דער קריסטלעכער וועלט צו דעם יידישן אומגליק. ער רעדט אָפֿענע דיבורים, און ער שאַנעוועט נישט רוזוועלטן, דעם וואַטיקאַן, די שוויגנדיקע, אַוועקקוקנדיקע ליבעראַלן. אפילו זיין פֿאַרערטער עלטערער קאָלעגע, עדמונד ווילסאָן, קומט אַרויס נישט קיין געוואַלדיקער צדיק בנוגע יידן. ווילסאָן האָט זיך דערלויבט, ווי קייזין דערציילט, צו זאָגן קאַלטבלוטיק: „הגם יידן האָבן געהאַט שטאַרקערע סיבות צו קעמפֿן קעגן היטלערן, ווי זייערע אָבות צו קעמפֿן קעגן די גריכן און רוימער, איז עס געווען אומלאָגיש פֿון זיי, ווייל די אויסראָטונג פֿון זעקס מיליאָן יידן איז שוין געהאַט ווייט פֿאָרגעגאַנגען אין דער צייט ווען אַמעריקע האָט אָנגעהויבן צו טאָן עפּעס.“ דער איזאָלאַציאָניסט ווילסאָן האָט געהאַלטן אַז די קאַטאַסטראָפֿע אין פּוירל האַרבאָר, וואָס די יאַפּאַנעזער האָבן פֿאַראורזאַכט, איז געווען אַ קאָנספּיראַציע מצד רוזוועלטן, כדי אַריינצושלעפּן אַמעריקע אין דער מלחמה. צו אַזעלכע אַבסורדן איז דערגאַנגען עדמונד ווילסאָנס איזאָלאַציניזם.

קייזין פֿאַרצייכנט דעם מאָרד פֿון ערליך און אַלטער, און ער באַמערקט זייער ריכטיק, אַז כאָטש יידן זיינען געווען די הויפּט־אָביעקטן פֿון היטלערס האַס, זיינען זיי געווען אַ זייטיקע זאַך פֿאַר אַלע אַנדערע.“ עס איז קיין מאָל נישט געווען קיין אמתער פּלאַץ פֿאַר זיי אין סעקולערן געדאַנק פֿון דער אויפֿקלערונג; עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר זיי אין די קאָמוניסטישע אימאַזשן פֿון „לעצטן קאָנפֿליקט“ וואָס האָט געזאָלט לייזן אַלע צעטיילונגען פֿון דער מענטשהייט דורך אָפּמעקן דעם קלאַסן־שונא; עס איז ספּעציעל נישט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר זיי אויף אַן ערד וואָס איז דאָמינירט געוואָרן פֿון די נאַציס.“ ער דרוקט איבער דעם בריוו פֿון קדוש אַרטור זיגלבוים איידער ער איז באַגאַנגען זיין העראָישן אַקט פֿון זעלבסטמאָרד, און ער זאָגט: „איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָשמאַר וואָס האָט אַלצדינג געשטעלט אונטער אַ פֿרעג־צייכן וואָס וועט מיך פֿאַרפֿאָלגן ביז מיין לעצטן אָטעמצוג.“

די פּאָרטרעטן וואָס קייזין צייכנט פֿון זיינע באַרימטע קאָלעגן וואַרפֿן אַ העל ליכט אויף אים גופֿא און אויף זיין שטאָלצן אידענטיפֿיצירן זיך מיט זיין שטאַם. גאָר שאַרף רעאַגירט ער וועגן די קנעכטיש־אַסימילירטע גדולים וואָס פֿאַרלייקענען זייער פֿאָלק און ווילן גילטן ווי „אוניווערסאַליסטן“. דאָס קומט צום אויסדרוק אין זיין איראָניזירן איבער דעם קונסט־קריטיקער בערנאַרד בערענסאָן — אַ ליטוויש יידיש ייִנגל וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע און קריגנדיק אַן אַריינטריט אין דער באָסטאָנער „הויכער געזעלשאַפֿט“ האָט ער זיך געשמדט. קייזין דריקט אויס זיין פֿאַראַכטונג צו אים, ווען ער באַגעגנט אים אין איטאַליע. אויך צו זיין עלטערן קאָלעגע, לייאָנעל טרילינג, וויזט קייזין אַרויס אַ קריטישע באַציונג. טרילינג — דער זון פֿון אַ יידישן שניידער — וואָס איז געוואָרן פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור אין קאָלומביע אוניווערסיטעט, קאָקעטירט מיט זיין איבערגעטריבענער ראַפֿינירטקייט און צירלעך־מאַנירלעכקייט; וועגן אים קאָמענטירט קייזין: „פֿאַר טרילינגן וועל איך אַלע מאָל זיין צו יידיש, צו פֿול מיט מיין דערפֿאַרונג פֿון אַ מיטגליד פֿון נידעריקן קלאַס... אין טרילינגס אַמעריקע זיינען נישטאָ קיין אַרבעטער, קיינער ליידט נישט פֿון מאַנגל אין געלט; נישטאָ דאָ קיין קאַפּיטאַליסטן, קאָרפּאָראַציעס, אינדיאַנער, אָדער שוואַרצע, און נישטאָ דאָ אויך קיין יידן פֿאַר אים.“

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר קייזינען איז זיין איינדרוק פֿון איליאַ ערענבורג בעת דעם קריטיקערס וויזיט אין סאָוועט־רוסלאַנד, מיט אַן אַמעריקאַנער שרייבער־דעלעגאַציע, נאָך דער וועלט־מלחמה. דער „קולטור־אויסטויש“, דערציילט אונדז קייזין, איז באַשטאַנען פֿון אומענדלעכע טאָוסטן פֿאַר שלום און פֿריינדשאַפֿט: „אין נישט געדענקען דעם גורל פֿון באַבעל און מאַנדעלשטאַם, דעם אַקטיאָר מיכאָעלס, די דערמאָרדעטע יידישע שרייבערס: בערגעלסאָן, פֿעפֿער, מאַרקיש און קוויטקאָ . . . אין צוהערן זיך מיט דאַנקבאַרקייט צו איליאַ ערענבורגן, וועל־

כער האָט אונדז אויפגענומען פֿאַר אַ טיי אין זיין גלענצנדיקער זומער־היים און האָט אונדז אַלצדינג דערקלערט, אַחוץ דעם פֿאַקט פֿאַרוואָס ער אַליין איז דער איינציק לעבן־געבליבענער פֿון דעם קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון באַרימטע רוסישע יידן וועמען מ'האָט באַפֿוילן צו קריגן אינטערנאַציאָנאַלע שטיצע פֿאַר סאָוועט־רוסלאַנד ווען היטלער איז זי באַפֿאַלן. אָט דער ערענבורג מיט זיין געקנייטשטן, קלוגן, אַראָגאַנטן, טרויעריקן פּנים, ווי קיינער צייכנט אים, האַלט זיך אין איין באַרימען מיט זיין פּאָפּולאַריטעט ביי די סאָוועטישע לייענערס, פֿון וועלכע ער קריגט „גאַנצע קוישן מיט בריוו."

## III

פֿאַראַן, ווי געזאָגט, אַ סך אינטערעסאַנטע פּאָרטרעטן און פּראָפֿילן פֿון באַרימטהייטן אין בוך. אָבער פֿאַר קיינעם פֿון זיי וויזט קיינער נישט אַרויס אַזאַ באַוווּנדערונג ווי פֿאַר סאָול בעלאָו. דער קריטיקער און נאָוועליסט האָבן זיך באַקענט נאָך איידער בעלאָו האָט געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט זיין ערשטן ראָמאַן. ווען בעלאָו האָט גערעדט צו אים האָט קייזין געפֿילט ווי עס וואָלט צו אים גערעדט אַ פּעכטער אין אַלטן גריכישן סטיל, אַ קאָנטעסטאַנט וועלכער קעמפֿט פֿאַר אַ פּריז: „ביי אים איז נישט געווען קיין פּוסטע רייד אָדער אָנשטעל. ער האָט נישט גערעדט פֿאַרן עפֿעקט וואָס זיינע רייד וועלן מאַכן. זיינע דעפֿיניציעס, עפּיגראַמען זיינען באַשטאַנען פֿון אַ פֿאָרמעלער פּשטות וואָס איז גלייך צוגעטראָטן צום פּונקט און זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז נישט געווען קיין ווערטער־אינפֿלאַציע אין זיינע רייד. דאָך זיינען זיינע באַטראַכטונגען געווען דירעקט און שאַרפֿזיניק. ער איז געווען שטאָלץ אויף אַ לאַקאָנישן אופֿן, ווי אַן אַלטער ייד וואָס פֿילט זיך נענטער צו גאָט ווי יעדער אַנדערער; קיין מאָל נישט צופֿרידן מיט זיך, און איינער וועמען מען קען גרינג וויי טאָן. ווי דער יונגער יוסף אין תנ"ך האָט ער לייכט פֿאַרטרויט זיינע חלומות צו זיינע ברידער... איך האָב געגלויבט אין אים ווי אַ נאָוועליסט, ווייל ווי זיין כּוח אין ייד־זיין איז דאָס געווען אַ פֿאַרחתמעטער אוצר אומבאַשעדיקט פֿון זיינע אַלע דאגות."

„סאָול איז בפֿירוש געווען אַ מענטש וואָס איז געוואָרן אויסדערווילט פֿון טאַלאַנט, אַזוי ווי די יידישע ווירטואָזן: חפֿץ, רובינשטיין, מילסטיין, האָראָוויץ... עס איז געווען אָפּפֿרישנדיק צו זיין מיט אַ מענטש וועלכער האָט אָפּגעוואָרפֿן אַזוי פֿיל פּעדאַנטישע דיסטינקציעס. דאָס האָט געמוזט האָבן צו טאָן מיט זיין ליבשאַפֿט פֿאַר יידיש און יידישע וויצן, זיין ליבשאַפֿט פֿאַרן גרויסשטאָטישן בּידעריקן לעבן, זיין געפֿיל וועגן זיך ווי אַ שעפֿערישער ייד. סאָול איז געווען דער ערשטער יידישער שרייבער וועמען איך האָב באַגעגנט, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי קלוג וועגן יעדער זייט פֿון לעבן ווי אַ געשעפֿטסמאַן."

אין דער הימנע צו סאָול בעלאָו מאַניפֿעסטירט זיך קייזינס שטאָלץ און התפּעלות פֿאַרן יידישן זשעני בכלל. און בעת דער קריטיקער באַשרייבט ווי אַ סך אַמעריקאַנער קינסטלערס זיינען געוואָרן פֿאַרבלענדט פֿון האַנאַ אַרענדטס „אַלצווייסנדיקייט" פֿאַרגעסט ער נישט צוצוגעבן אַז בעלאָו איז אויך אין דעם פּרט געווען אַן אויסנאָם: ער האָט נישט געקענט סובל זיין איר אינטעלעקטועלע אַראָגאַנץ, און ווען ס'איז דערשינען איר בוך וועגן אייכמאַן־פּראָצעס האָט בעלאָו זיך נוקם געווען אָנרופֿנדיק אירע „אָריגינעלקייטן": „די קאָנסערווירטע זויערקרויט פֿון די וויימאַרער אינטעלעקטואַלן."

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר קייזינען איז זיין דערפֿאַרונג אין דייטשלאַנד (קעלן) וווּ ער איז נאָך דער מלחמה געווען אַ לעקטאָר איבער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער הערט זיך צו ווי די דייטשן פֿאַרענטפֿערן זיך אַז זיי האָבן נעבעך גאָרנישט געוווּסט פֿון די הריגות פֿון יידן; זיי האָבן עפּעס געהערט וועגן שיסערייען, אָבער זיי האָבן, טענהן זיי, גאָרנישט געהאַט צו טאָן דערמיט. זיי זיינען געווען די רעגולערע אַרמיי. קייזין פֿאַרענדיקט זיינע באַטראַכטונגען וועגן דעם מיט די ווערטער: „ביי די טייכן פֿון קעלן, דאָרטן זיינען מיר געזעסן, מיר האָבן געוויינט, ווען מיר האָבן געדענקט ציון."

צאַרט און רירנדיק שילדערט קייזין דעם טויט פֿון זיינע עלטערן: ערלעכע האָ־